STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05610

ERSHTE LIDER

Chaike Abelson

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. Alfred Moldovan
in memory of
Jean S. Moldovan

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ערשטע לידער

ערשטע
לידער
כײקע אײבּלסאָן

אַ וואָרט

דאָ ליגט פאַר מיר אַ העפט מיט לידער. אַ קינדערשע האַנט האָט געפירט די אותיות: קיילאַכדיקע, גרויסע, ניט־זיכערע, ווי אַלע שול־קינדער שרייבן.

די דיכטערן האָט מיר פאַרטרויט אירע לידער און וואַרט אַף מיין מבינות.

איך לייען די לידער און ווער פאַרכאַפּט. איך פאַר־געס, אַז די דיכטערן איז אינגאַנצן אַלט זעבצן יאָר. איך דערזע דאָ פאַר זיך אמתן פּאָעטישן טאַלאַנט: אינטואיציע, עכטן געפיל פאַרן בילדלאַכן וואָרט, טאַקט, אפילו מייסטערשאַפט און פיינעם איינפלוס.

און איך באַט־אַן דער דיכטערן מיין הילף אַרויס־צוגעבן אַ בוך. איך טו דאָס ניט צוליב דער זעלטענער דערשיינונג, וואָס די דיכטערן איז אַן אַמעריקאַנערן, און וואָס אַ קינד שרייבט אַזוינע לידער, נאָר ווייל איך בין איבערצייגט אין דעם הויכן ווערט פון איר פּאָעזיע.

י. טאָפּעל נעמט זיך אונטער העלפן אין דער אַרבעט מיט זיינע צייכענונגען, — און אָט האָבן מיר אַ בוך מיט ערשטע לידער פון כייקע אייבלסאָן.

מאני לייב.

פלי

פלי פון מיין פענצטער, מיין קליינינק ליד,
וויקל זיך איין אין דער קילקייט פון ווינט.
די גאָלדענע כוואַליעס פון ימיקער פרייד
שפּריצן ווי פּערעלאַך האַרט אַף מיין קלייד.

פלי פון מיין פענצטער, מיין נייגעריק ליד,
טוליע זיך איין אין שטראַלן פון זון.
די זילבערנע גלעקלאַך פון נאַכטיקער שיין
צעגייען אין האַרצן אַן טרערן, אַן פּיין.

אַ ליד

איך וועל אויסטראַכטן אַ מענטשן,
און אין מיין נשמה-שפּראַך
וועל איך בעטן אים פֿאַרהיילן
אַלע וואונדן פון דער נאַכט.

שאַ! פון ווייטע טאָלן קומט ער,
וואו דער שווערער ווינט פּייפט שטיל
אַלע לידער פון נשמות,
אַלע לידער פון געפיל.

און מיין שטומע האַרץ צעשפּרייט ער
ווי אַ מידע פלאַטער-פליג,
און פאַרהיילט פון נאַכט די וואונדן
מיט זיין וואונדער, מיט זיין ליד.

אַ שיף

איך זע אין דער לופט אין דער שווערער
קליינעם און עלנטן רויך, —
און אַפן הימל די שטערן
קוקן פון פינצטערער הויך.

אַ שיף, אַ מתנה פון לעבן,
רוקט זיך פון מיר אינם וועג — —
און ווי דער רויך נעם איך שוועבן
זוכנדיק ערגעץ אַ וועג.

צו אַ געשטאָרבענעם פּאָעט

דו פלעגסט זינגען מיט די פייגל,
איבער לענדער מיט די ווינטן פליען —
וואו שנייען בלאָזן צייכנס אַף דער ערד,
וואו זיסע פייגן־ביימער בליען.

איצטער רוסטו שטיל, פאַרשפּרייט מיט טרערן,
פאַרוויגט מיט קלאַנגען פון אַ שטיל געבעט;
דיין ליד הילכט הויך, און וועלטן מוזן הערן,
ווייל אין דיין נאָמען לעבסטו נאָך, פּאָעט.

געבעט

און מאַך מיך איצט בלינד צו די נאַרישע זאַכן:
פֿאַלשקייט, פּלאַכקייט און רייד —
גיב מיר די מאַכט, וואָס זאָל שאַפֿן און מאַכן
פֿאַר גרויקייט אַ בליענדע קלייד.

די רונדקייט פֿון הימל — די רונדקייט פֿון ערד,
הענט מיט די ווינטן געגלעטע —
און טויזנטער אויגן פֿון טויזנטער נעכט —
און ימען מיט זעגלען צעשפּרייטע — —
אָ, וועלט, איך באַגריס דיך מיט בלומען ווי טרערן —
איך לייג אַף דיין האַרץ מיינע טרערן.

און, וועלט, מאַך מיך בלינד צו די נאַרישן זאַכן —
(איך זע בלאַסע שאָטנס ביים וואַנט;),
איך שטיי — ווי אין שוואַרצקייט אַ טיפֿע לבנה —
און האַלט פֿאַר דיר אָפֿן מיין האַנט.

אַליין

שטומערהייט, ווי די לבנה ציט
דעם ים צו זיך פון גרינגעם שטיין,
צי איך דיין האַרץ אין וואָרט צו זיך,
און בלייב ווי זי — נאָך אַלץ אַליין.

צוואה

ווען איך וועל זיין אַ בלאַסער צייכן,
די וועלט ניט מער צו זען, —
ניט לייג מיך אין דער ערד דער ווייכער —
דאָרט בין איך שוין געווען!

מיין טרער

מיין טרער וואַקסט — אַ לבנה
אין הימל פון דער נאַכט —
נאָר ניט מיט דער לבנה
וועט אונטערגיין מיין נאַכט.

און ניט אין גרויען הימל,
וואָס איז אין שאָטן העל —
נאָר אין דעם שוואַרצן אומעט,
וואָס אייביק היט מיין שוועל,

וועט זינקען מיין לבנה,
מיין אומגליקלאַכע טרער,
און לאָזן בלויז איר אָטעם,
איר זיפץ — און אפשר מער...

הער מיך נישט

הער מיך נישט, ווען מײנע אויגן
לאַכן — איך באַהאַלט אַ טרער;
ס'איז נישט פֿאַלש און ס'איז נישט פֿאַלשקייט,
נאָר דער אמת איז צו־שווער.

און ווען מײנע ליפּן שמייכלען —
טראַכט, מײן פֿרײַנט: „זי איז נישט פֿאַלש,
ווײַל די ליפּן, ווײַל די אויגן
פֿילן און זיי ווייסן אַלץ"...

צו אַ מוזיי־פייגעלע

באַלד וועל איך, פייגעלע, אויך מיט דיר ליגן,
און מיין געלעכטער וועט ווערן אַנטשוויגן;

און ווי דיין פאַרביקע ברוסט — מיינע לידער
וועלן באַהאַלטן די טרוימער — די ברידער.

וועמען וואָלט אַרן דיין זינגען, דיין שוועבן?
וועמען וועט אַרן מיין וואונטש און מיין לעבן?

וועמען, אַ, פייגעלע, וועמען וועט אַרן? —
אונז וועלן סיי־ווי־סיי שאָטנס פאַרשאַרן.

ווי אַ גנב...

איך האָב אין מיין האַרצן געכאַפּט די לבנה,
שטערן, רעגן און ווינט —
איך האָב זיי אין וואַרימער זון איינגעפלאָכטן,
אין שטראַלן־רויטלאַכע בינט.

איך האָב פייכטע לידער פון פייגל געטרונקען,
מיט אָפענע הענט זיי באַוואַכט;
און איצט וועל איך פליען אַ יונגע, אַ פרישע
צום קבר, אין טיפקייט פון נאַכט.

איך האָב ווי אַ גנב דאָס לעבן געבונדן
(אָ, טויט, איך בין קליגער פאַר דיר! —).
איך האָב עס מיט מיר אין מיין קבר באַהאַלטן:
איך האָב עס באַגראָבן אין מיר.

נאַכט-ליד

אוי, האַרץ, זײַ זיך רואיק, דער טאָג איז פאַרגאַנגען —
פאַרלאָז איצט דײַן טרויער און הער מײַנע קלאַנגען:

עס קײַקלט אַרום די לבנה פון הימל
און וואַקסט אין דער שוואַרצקייט אַ זילבערנע בלימל.

די נאַכט האָט פון האַלדז אירע פּערל צעשאָטן,
און שטערנדלאַך פאַלן אַרום פון אַ שאָטן.

אוי, האַרץ, זײַ זיך רואיק, דער טאָג איז פאַרשוואונדן,
און נאַכט ווי אַ מאַמע וועט גלעטן די וואונדן.

*

* *

איך האָב זיך איינגעוויגט אַזוי,
ווי כוואַליעס אומרואיק מיין האַנט;
פינגער, קאַלטע שטיינדלאַך, קלאַפּן
שנעלער, שנעלער אַפן וואַנט.

אַף מיין אומרו ליגסטו, וואַרטסטו,
ווי אין טייך אַ שטערן שיין,
ווען די כוואַליעס קניען, בוקן,
הויבן זיך און פאַלן־איין.

שאַ...

שאַ! עס איז פריילאַך
מיר היינט אַפּן האַרצן.
וואָס? איר דערשרעקט זיך
פון שאָטן דעם שווארצן?
עס איז מיין נשמה,
וואָס טאַנצט אינדערשטיל;
עס איז מיין נשמה,
וואָס נויגט זיך צום דיל.

שוואַרצע נאַכט...

שוואַרצע נאַכט און שוואַרצער הימל,
שוואַרצע פערד פון וועג געבראַכט;
שוואַרצע מענטשן שרייען, לאַכן,
ווילדע פרייד באַלויכט די נאַכט.

קורץ די שעה און לאַנג די וועגן,
און עס גיט דער הונט אַ ביל...
שמייס די פערד און קנאַק די בייטשן —
הילכן אַף די רוימען שטיל.

לאַך ניט אַזוי...

קליינינקער אינגעלע, לאַך נישט אַזוי —
אונטער דיין לאַכן, ווי אונטער אַ שניי,
שלאָפן די דערנער, פאַרטריקנט ווי שטרוי —
אָבער די יאָרן — זיי צערטלען נישט זיי -
און, קליינינקער אינגעלע, פון דיין געשריי,
וועלן זיי שטעכן, ווי ס׳שטעכט נישט קיין שטרוי.

אַ טראָפּן

הימל, ערד און שאַרפע נעכט! —
איך ציטער מיט פאַרלאַנגען.
עס איז פאַר מיר אַ נייע פרייד
אין העלקייט אויפגעגאַנגען.

איך בין אַ טראָפּן אַף אַ בלאַט,
וואָס וועט זיך ברייט צעשפּרייטן,
און שפּינען אַפן גרינעם בלאַט
אַ זילבער־העמד אַ ברייטן.

אַ ליד

איך האָב אייער לעבן אין מיר איינגעפלאָכטן —
טרויער, טרערן און שרעק,
און ווען איר דערזעט אייער פּנים אַף מיינעם,
קערט איר די אויגן אַוועק.

נאָר איך, איך באַהאַלט אייערע מיאוסע מינעם,
איך זינג שיינע וואונדער פאַר אייך —
ווייל איך האָב אין אייער לעבן געפונען
דעם לויטערסטן, גאָלדענעם טייך.

אַ ליד

אַז איך זע אין אַ ליד,
וואָס איך זע אין אַ בלום,
און שמעק קילע זיסקייט
פאַרוואונדערט און שטום;

אַז איך רוף די לבנה
אַ טרער פון אַ קינד,
וואָס שאַרט זיך פאַרחלומט
אין שאָטן פון ווינט; —

און אין אמתן אמת —
די בלום ליגט פאַרשעמט
מיט איר צו־זיסער זיסקייט,
אין וואָרצלען פאַרקלעמט.

און דאָס קינד איז קיין קינד נישט,
די טרער — ניט קיין טרער,
נאָר עפּעס אַ מיאוסקייט,
שטעכיק און שווער.

מיין גאַנצע פרייד

מיין גאַנצע פרייד איז נאָר אַ חלום,
וואָס טרייסט מיך ווייך און לאַכט פון מיר,
און שפּרייט, ווען זי איז פלינק פאַרשוואונדן,
גרעסערע שאָטנס פאַר מיין טיר.

און איך מוז איינשטילן מיין אומעט
אין חלום, וואָס איך זע שוין ניט,
און גלויבן, אַז איך לעב אין חלום,
ווען חלום איז קיין חלום ניט...

I.

דו...

דו שטייסט — אַ שלאַנקע וואַזע פאַר די אויגן,
ליפּן — רויטע בלומען אין דער נאַכט,
דיין צאַרטער האַלדז צו מיר איז אויסגעצויגן,
ווי אַ פויגל, עלנט און פאַרטראַכט...
די אויגן דיינע, ווי מיט גרינע שלאַנגען,
ציען מיין געזאַנג פון מידן האַרץ,
און אין דעם שטילן רוף פון מיינע קלאַנגען
ליגסטו אויסגעשפּרייט פאַר מיר אין שוואַרץ...

II.

„נאַכט פאַרשטייט"

קוק נישט מער מיט בלינדע אויגן
אַף דער שטילער נאַכט;
זייד און זילבער אויסגעצויגן
חלומט שטיל פאַרטראַכט.

הער! אין יעדן אָרט אַ ציטער,
שטילקייט איז צעשפּרייט,
און די נאַכט, אַן אַלטער היטער,
עפנט-אויף זיין קייט.

שאָטנס שפּרייטן זיך ווי פליגל, —
שטיי נישט קראַנק, פאַרטראַכט,
זע! די וועלט אַ שווערע וויגל,
וויגט זיך אין דער נאַכט.

קוק ניט מער מיט בלינדע אויגן,
וויין ניט: „טאָג פאַרגייט" —
מיט אַ דינער ליפּ פאַרצויגן
שמייכל: „נאַכט פאַרשטייט"...

III.

איך ציטער...

די קוקסט מיט אַלטע אויסגעוויינטע אויגן,
און דיינע ווערטער — טרוקן, אויסגעברענט,
זיי ווייען זיך און בלייבן אויסגעצויגן,
ווי דינע שאָטנס אַף די גרויע ווענט.

די אויגן דיינע, אויסגעברענטע פלאַמען,
קריכן דורך מיין פרייד מיט געלן ליכט —
איך ציטער זיך פון אַלטקייט צו פאַרסמען,
די נאַכט פאַרוויגט מיין שטורעמדיק געזיכט.

IV.

פינגער

פינגער אַף די פענצטער —
פינגער אַף מיין האַרץ;
פינגער, בלאַסע פינגער,
שויבן — שטויביק, שוואַרץ...
פינגער, לאַנגע פינגער,
האַרבסטיק, האַרט און קאַלט,
וויקלען־איין מיין האַרצן, — —
און אַ נעבל פאַלט...
שטורעמדיק אין האַרצן,
(זוכט נישט, זוכט נישט מער!),
אויגן בלינדע שמאַרצן...
(זוכט נישט, זוכט נישט מער).
וואָס, אַז איר וועט זוכן
פאַרן ווייסן ליכט,
און וועט בלויז געפינען
דאָ אַ בלאַס געזיכט?
פינגער אַף די פענצטער —
פינגער אַף מיין האַרץ...
פינגער, בלאַסע פינגער,
צייכענען אַף שוואַרץ...

V.

איך רייד...

איך רייד מיט מיינע אויגן,
די ליפּן זיינען שטום; —
דאָס האַרץ — אַ נעבל־בויגן,
פאַרוואָרפן צאַרט און פרום.

איך רייד מיט מיינע אויגן,
צוויי פלאַמען אין דער נאַכט —
מיין האַנט איז אויסגעצויגן,
אַ שטראַל, וואָס דיך באַוואַכט.

די ליפּן ציען וואונדן
פון דיין פאַרוויגטן האַרץ —
איך האַלט זיי שטיל, פאַרבונדן
אין שלייערס גרוי און שוואַרץ...

איך רייד מיט מיינע אויגן,
די ווערטער מיד, פאַרדאַרט,
מיין טרער ליגט אויסגעצויגן,
די פינגער — בלאַס און האַרט.

VI.

זיין געזיכט . . .

און די הייסע טראָפּנס
פון די געלע ליכט,
ווי זיין טרויער פאַלן —
זיך אַליין באַזיגט.

און פאַרגליוועט בלייבן,
שטייף און האַרט און פרעמד,
ווי זיין האַרטער טרויער
אַף זיין שטום געזיכט.

נאָר אַפן טרוקענעם מדבר
פון זיין נשמה ליגט
אַ חלום פון פרימאָרגן :
זיין קינדעריש געזיכט.

שטילער רעגן...

שטילער רעגן, אַז איך וועל איצט וויינען,
און מיינע טרערן וועלן מיט אייך פאַלן —
און איר וועט ערגעץ אין דעם וואַלד שטיל טרייסטן
די גראָזן מיט די קילע, ווייכע טראָפּנס, —
וועלן זיי אין טראָפּן פון מיין אומגליק
אין אייער צאַרטער קלאָרקייט נישט געפינען?

בלויער באַרג...

בלויער באַרג, דו שלאַנג אין ווייטן -
נעמסט די גאַנצע וועלט אין קנויל ;
און פאַרחלומט פון דיין שווערקייט
ליגסטו איינגעצויגן, פויל.

און איך לויף די וועלט צו כאַפּן,
נייגעריק, מיט פרייד צעשפּרייט —
ווי אַ פויגל איבער ימען,
אין איר אייגן ליד פאַרקליידט.

בלויער באַרג! דער ים האַלט אויכעט
מוטער-פּערל אין זיין האַנט —
אין דער נאַכט אַ קינד צעזיינגט זיך
פון די שטראַלן אַפן וואַנט.

חלומות

חלומות זיינען דינע הויפּנס נעבל,
וואָס טרייסטן אין די קיבֿכן מיידלאַך בלאַסע;
נאָר איך, איך בין אַ זון, און די חלומות
זיינען פאַר מיין פייער רויך און רויך.

איידעלע רו

איך פיל קיין לעבן, קיין געדאַנקען,
נאָר איידעלע רו, אַ וועלט אין דרימל —
אַ שטילע מילדקייט, ווי דער קלאַנג
פון פויגל-לידער פונם הימל.

איך בין אַ רעגן אין אַ ווייסטקייט,
אַ שטערן אין אַ וואַלד אַ שוואַרצן, —
איך פיל קיין לעבן, קיין געדאַנקען,
נאָר ווייטע נאָענטקייט אין האַרצן.

אַ צווײַג

דו גרויער צווײַג, מײַן פּוס דריקט דיר קושן,
אַ געלעכטער אַ שאַרפֿער קנאַקט־אויף פֿון דער ערד.
מײַן ערד! דורך מײַן ליב ווערט געבאָרן דײַן מורמל,
וואָס רעדט דורך אַ דינינקן צווײַג לעבן פּוס.

פּ. ב.

(אין אַנדיינק)

נאַכט:
לבנה־רויך, ווי זעגלען אַף די כוואַליעם —
און דו.

עס האָט די נאַכט דיך מוטערלאַך געלייגט
אין רו.

*
* *

און די פרישע לופט שמעקט אַלט מיט יאָרן,
און ניי מיט יאָרן, וועלכע שלאָפן נאָך,
ווי אַלטע רויזן-בלעטער אינם פרילינג,
וואָס ווארעמען אַ יונגע, פרישע בלום.
און איך בין אַלט מיט יאָרן און ניי מיט יאָרן.
און דאָרטן, דאָרטן, וואו אַ דינער שטראַל,
וואָס די זון האָט פלוצלונג אָנגעצונדן,
שלאָף איך, שטום, פאַרגעסן, איך וועל ווערן.

ווינט פון די ציגיינער...

ווינט פון די ציגיינער,
לופט פון רויטן וויין —
עפּל איינגעפלאָכטן
אין פרימאָרגן־שיין.

נאָר דינע שטעגלאָך ליגן
און היטן אַלץ די נאַכט,
און דאָרטן רוימט מיין ליבע
פאַרכישופט און פאַרשמאַכט.

ווען מיט אַ געלעכטער,
מיט בעקלאַך — קאַרשן־וויין,
צעשווימען אין די וועלדער
די קינדער, מיטן שיין

פון בלאַנקע, פרישע אויגן
איטאַליעניש, שיין,
פאַררוקט זיך שטיל מיין ליבע
און שלינגט די נאַכט אַליין.

אַ ראַכמאַנינאָוו קאָנצערט

דו טרייסט אים מיט דיין אָטעם,
דעם היינע פון געזאַנג,
און קליידסט אים אין דעם פייער
פון דיין וואנדער-קלאַנג.

און דיינע מייסטער-פינגער,
פאַרשיכורט אין געזאַנג,
וויגן זיך אין ווייכקייט
און אייביקייט פון קלאַנג.

און אין מיין האַרץ לעבט שאַפּען,
און זיין נשמה רייסט
די קייטן פון מיין שטילקייט,
די קייטן פון מיין גייסט.

מאַלווע

מאַלוועס האַלדז איז ווייסער מירמל,
וואַרעם ווי אַ פויגלס ברוסט;
מאַלוועס אויגן זיינען שטערן,
שטערן אין צוויי בלויע טייכן,
בלויער פון אַ פויגלס ברוסט.

מאַלוועס פינגער אַף די לאָקן —
שטראַלן וויים אַף שוואַרצן זייד;
און זי שטייט — אַ קאַרשן־בוימל,
אירע ליפּן — קאַרשן רייפע
אין דעם זומערדיקן גאָלד.

אַ פישל...

איך האָב אינם וואַסער
אַ פישל דערזען;
ווי שטראַליק און פאַרביק
זיין עק איז געווען.

אַ פעדער פון פאַווע
פאַרוואָרפן אין וואַל —
פון זון אַ געלעכטער,
פון שטערן אַ שטראַל;

אַ גאָלדענע בלאַט פון
אַ האַרבסטיקן בוים,
וואָס האָט אין דער גרינקייט
געפונען אַ היים.

איך האָב אַף מיין העקל
דאָס פישל געכאַפּט;
עס האָט ווי אַ פעכער
דאָס וואַסער געקלאַפּט...

מיין האַנט האָט פאַרלאָזן
דאָס שנירל.. און רויט
האָט טיף אין מיין האַרצן
געשטאָכן דער טויט.

דאָס פויגל ליד...

..ווען איך דערזע די גאַנצע וועלט: די ערד, וואָס שלינגט
די שלאָפּע נאַכט און ווערט פון דעם ניט זאַט ——
דער מענטש, וואָס דריקט זיך בלינד צום מאָרגן־שיין,
און פלוצלונג, ציטערדיק אַ פויגל־ליד —
ווערט פרעמד מיין האַרץ; איך הויב מיין האַנט און וויין:
די ערד איז אייביק דאָרשטיק, דער מענטש
איז אייביק בלינד. ווער שטום, דו פויגל־ליד!

ביטער, שווער. און ווידער ווי אַ טראָפּן
פון אַ קילן רעגן דאָס פויגל־ליד.

חיים בערל

זיצט אַזוי זיך חיים בערל,
ליכט פון שטערן אין זיין בליק,
גרוי פון טרויער איז זיין בליק.

זיצט ער שטיל און ציילט די פינגער,
„צען אינײנעם, צען ווי פריער"...
און ער שמייכלט ווי אַ קינד —
„צען אינײנעם", ווי אַ קינד...

זיינע פינגער — קורצע, קרומע,
איינגעבויגן אין זיין עלטער,
איינגעביסן פון דעם פרעסטל
אין דעם פייכטן אָוונט-ווינט.

זיינע אויגן זיינען מילדע,
ציטערדיקע, ווי ביי בלינדע;
ווי צוויי רונדע טראָפּנס וואַסער,
טראָפּנס אַף אַ גרויען שטיין.

זיצט אַזוי זיך חיים בערל
שטיל, זיין האַרץ איז נאָר אַ שטורעם.

ווינטן שטעכן מיט דער ווילדקייט,
ווינטן שטעכן־דורך זיין רו.
און ער שמייכלט מיט די אויגן,—
טרערן לאַכן אין די אויגן.

חיים בערלס גאַנצער לעבן
איז אַ גרויער, איז אַ שטילער,
אָפּגעשיידטער ווי אַ וואַסער,
ניט קיין כוואַליעס. ניט קיין זון.

אין דער טיפקייט פון דעם וואַסער
עפּעס האָט געדריקט צום לעבן —
נאָר ער איז געווען דערשראָקן,
ווי אַ פויגל פון געזאַנג.

און זיין וועלט איז בלוי געוואָרן,
און זיין טאָג איז אָפּגעווישט
פון זיין הימל. נאַכט און דרימל
איז מיט שטערן דורכגעמישט.

זיצט אַזוי זיך חיים בערל,
ליכט פון שטערן אין זיין בליק,
גרוי פון טרויער איז זיין בליק.

זיצט ער שטיל און ציילט די פינגער —
„צען איניינעם, צען ווי פריער"...
און ער שמייכלט ווי אַ קינד, —
„צען איניינעם", ווי אַ קינד...

אַ, וועלט...

ווי ווילד די פרישע שמייכלען פון די וועלדער
קריכן דורך דער מילדקייט פון מיין האַרץ,
וואו יעדער שאָטן איז אַן אַלטער קלויסטער
אין בלוי און שוואַרץ.

אַ, לעבן האַרט און שווער, ווי לייכט דו ביסט !
איך הויב דיך, ווי די לופט — אַ דינעם רויך,
מיט טרערן ווי די קלאַנגען פון אַ פויגל —
זים און ווייך.

דו ווערסט מוזיק פאַר מיר, מיט פולע קלאַנגען,
וואָס גיסט זיך קיל און הייליק דורך מיין לייב —
און איך צעגיי אין קלאַנגען, שטאַרקע, הויכע,
און אייביק בלייב.

אַ, וועלט, איך טרעף דיין האַרץ און זע דיין טרער,
נאָר אויך די ברייטע רוימען פון געלעכטער : —
און, וועלט, איך האָב ליב דיין אייביק לעבן. מער :
דיין פרייד, דיין טרער.

איך בין אין דער וועלט ניט אַליין...

איך בין אין דער וועלט נישט אַליין:
בלאָזט מיר, ווינטן, פון אַלע רוימען,
אַף די האַרטע ראַנדן פון ערד,
ווי איר בלאָזט דעם ליכטיקן דופט פון די בלומען,
ווי איר בלאָזט זון־רויטע זאַמדן פון מדבר,
ווי איר בלאָזט אַ פויגל צום וואַרעמען שטרוי פון איר נעסט.

בלאָזט, ווינטן!
מיט דײַן־שאַרפע שניטן.
בלאָזט!
אָן אייך בין איך גאָרנישט, —
ווי שיכורע בלומען
אין זייער זיסקייט פאַרטומלט,
ווי זומפּיקע זעמדער
ביטער־פאַרפוילטע,
ווי פויגלס פאַרגליווערטע פליגל.

איך הויב מיינע הענט צו אייך, ווינטן,
איך גלעט אייך ווי סאַמעט, אָ, ווינטן.

נאַכט — מיטן הויכן שטערן פון וועלט
פאַרהילט אין טונקעלע שאָטנס — זילבערנע האָר...

איך בין אין דער וועלט נישט אַליין!

איך זע מיין געשטאַלט דורך שלייערס פון נאַכט,
וואָרים, ווייס, אויגן, וואָס צינדן די שוואַרצקייט.
מיין געשטאַלט מיט אַלע געשטאַלטן;
און ווינטן ווי שיכורע רייטער
שפּילן־אויף מיט זייערע בייטשן,
און שניידן־אויף די שוואַרצקייט אַף טויזנטער שלייערס!

טאַנצט, ווינטיקע שלייערס,
דרייט זיך איניינעם ווי שלאַנגען מיט מיר.
מיין געשטאַלט אין די שלייערס מיט אַלע געשטאַלטן,
מיין נשמה מיט אַלע נשמות;
זאַמד פון מדבר, פליי פון אָדלער,
בלוט פון בלוטן, וועלט פון וועלטן,
איך בין אין דער וועלט נישט אַליין!

זאָג, ווי!

ווי זעט-אויס אַ נאַכטיגאַל? זאָג, ווי!
איז עס זילבער ווי לבנה פון דער נאַכט,
פאַרפלעקט מיט שוואַרצע שאָטנס פון דער נאַכט?
איז עס ווייס ווי וואָלקנס אינדערהויך,
חלומדיק ווי דינער נעבל-רויך?
איז עס דאָרטן, אין די לופטן, אין דערהויך?
ווי זעט-אויס אַ נאַכטיגאַל? זאָג, ווי!

איך האָב אַ וואונדער-ליד געפונען אין מיין האַרץ,
עס האָט געשמעקט פון יאַשמין-בלומען זיס;
עס האָט זיך דורך די שאָטנס, זילבערנע און שוואַרץ,
געבויגן ווי אַ רעגן-בויגן פריש.
עס האָט זיך דורך די שאָטנס, זילבערנע און שוואַרץ,
געוואָרפן אַף די יאַשמין-בלומען פריש.

יאַשמין-בלומען? וואָס זיינען יאַשמין-בלומען?
זיי זיינען יאַשמין-בלומען פון יאַפּאַן?
זיינען זיי ווי פעען-לופט, שאָטנס פון דער זון?
זיינען זיי ווי פליגלען פון אַ ווייטער שוואַן?

זיינען זיי ווי וואַסער־שוים, ווייסער פּערל־רויך?
זיינען זיי די בלומען פון דעם הימל אינדערהויך?
זיינען זיי די טרערן פון די אַלטע געטער,
פול מיט מענטשלאַכן געוויין?
זיינען זיי ווי קינדערשער געלעכטער
אין פינצטערניש — אין ליכטיקייט — אַליין?
ווי זיינען יאַשמין־בלומען פון יאַפּאַן?

איך האָב אַ וואונדער־ליד געפונען אין מיין האַרץ,
אין בלומען־רויך, אין שטערן־רויך צעשפּרייט.
עס האָט מיך אין די שאָטנס, זילבערנע און שוואַרץ,
מיט הייליקייט, מיט וואונדער שטיל פאַרקליידט.
עס האָט מיך אין די שאָטנס, זילבערנע און שוואַרץ,
מיט הייליקייט, מיט וואונדער ווייך באַקליידט.

דאָס ליד איז ווי אַ נאַכטיגאַל, — מיין האַרץ, די נאַכט,
ווי בלומען־רויך, די שטערן — יאַשמין־זים;
דורך שאָטנס פון די שטערן, שאָטנס פון דער נאַכט,
וויג איך זיך דורך יאַשמין־בלומען פריש.

ווי זעט־אויס אַ נאַכטיגאַל? זאָג, ווי!

געזעצט פון י. לייזעראָוויטש.
געדרוקט אין גרייזעל דרוקעריי.